**תמצית הגליון:**

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָש

## חיזוק פאר די וואך

כִּי שָׁמַע ה׳ ״קוֹל״ בִּכְיִי

בעזרת השי״ת ▪ ראש השנה תשפ״א ▪ גליון צא׳


# פארוואס דארף מען וויינען ר״ה ביים דאווענען?

## דאס געוואלדיגע מסור השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פונעם שופר!

**״נוהגין לבכות ולהוריד דמעות בתפילת ראש השנה ויום הכיפורים, אף כשחל בשבת״**[א] (מטה אפרים בשם דעם אר״י הק׳). ראש השנה און יוה״כ ביים דאווענען, פירט מען זיך צו וויינען און פארלאזן טרערן. דאס איז זייער א וויכטיגע זאך וויל אפי׳ ווען ר״ה געפאלט אין שבת, וואס נארמאל טאר מען נישט וויינען אום שבת, דארף מען יא יעצט וויינען. דער מטה אפרים איז ממשיך מיט פחד׳יגע ווערטער: **ומי שאין בכיה נופלת עליו בימים האלה, הוא הוראה שאין נשמתו הגונה ושלמה.**

רבונו דעלמא כוליה, איינער וואס וויינט נישט אין די הייליגע טעג איז א סימן אז **אין נשמתו הגונה ושלמה!** וואו טרעפט מען דעם קנעפל וואס מאכט וויינען, ווי אזוי וויינט מען?

קומט דער אלף המגן (ס״ק מה) בשם דעם של״ה הק׳ און מאכט אביסל לייכטער, און זאגט: איינער וואס האט א לב קשה און ער קען נישט וויינען, זאל כאטש מאכן דעם קול ווי איינער וואס וויינט. און כאטש וואס ער וויינט נישט באמת, האט עס אויך עפעס א ווערד ווי עס שטייט **כִּי שָׁמַע ה׳ ״קוֹל״ בִּכְיִי** (תהלים ו), דער אייבערשטער הערט דעם ״קול״ פון וויינען און נעמט עס אן.

לאמיר פארשטיין: וואס איז דער סוד וואס ליגט באהאלטן אונטער דעם, אז עס איז אזוי וויכטיג צו וויינען אין די הייליגע טעג, עד כדי כך אז איינער וואס וויינט נישט אין די הייליגע טעג איז א סימן אז זיין נשמה איז נישט הונדערט פראצענט מסודר.

## לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די הייליגע טעג....

**הקדמה:** מיר וועלן אנהייבן מיט דעם מקור און דערנאך ממשיך זיין מיטן חלק המוסר - אות ג׳

**וּבַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ מִקְרָא קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם.** (במדבר כט, א)

דער פסוק לערנט אונז אז עס איז דא א חיוב צו בלאזן שופר אינעם טאג פון ראש השנה. דער פסוק אליין אבער זאגט נישט וויפיל תקיעות מען דארף בלאזן און ווי אזוי מען דארף בלאזן...

זאגן חז״ל (ר״ה לג: לד.): כדי צו באקומען א קלארן בילד, דארף מען צוגלייכן די תקיעות פון ראש השנה צו די תקיעות וואס די תורה האט געהייסן בלאזן יוה״כ יעדן פופציגסטן יאר אין די יאר פון יובל און זיך ארויסלערנען פון דארט פאר די אנדערע תקיעות.

### א- די ניין תקיעות מן התורה

ביי יובל געפונען מיר דעם פסוק: ״**וְהַעֲבַרְתָּ״ שׁוֹפַר תְּרוּעָה בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִעִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ בְּיוֹם הַכִּפֻּרִים ״תַּעֲבִירוּ״ שׁוֹפָר בְּכָל אַרְצְכֶם** (ויקרא כ״ה ט). זאגט חז״ל: דאס ווארט ״**והעברת**״ מיינט פארדעם, דהיינו פאר דעם ״תרועה״ דארף מען מאכן נאך א קול, דהיינו א תקיעה. אזוי אויך, דאס ווארט ״**תעבירו**״ מיינט נאכדעם, דהיינו נאכן ״תרועה״ דארף מען מאכן נאך א קול, דהיינו א תקיעה. צוזאמען זאל מען בלאזן דריי קולות **תקיעה תריעה תקיעה.**

נו, וויבאלד מיר געפונען אין די תורה דריי מאל די וואָרט ״**תרועה**״, צוויי מאל ביי ראש השנה און איינמאל ביי יובל, לערנט מען ארויס אז מען דארף בלאזן דריי מאל א ״תרועה״. און וויבאלד מיר ווייסן שוין אז יעדע ״תרועה״ קומט מיט אַ תקיעה פארדעם און אַ תקיעה נאכדעם, מיינט דאָס אז מען דארף בלאזן דריי מאל תר״ת, דאס ברענגט אונז צו קולות, וואס מען איז מחיוב מן התורה צו בלאזן.

### ב- די פארשידענע קולות פון א תרועה

---

[א] סי׳ תקפ״ב סעיף כח

אבער וועלכע קול מאכט מען פאר א תרועה? דאס זאגט נישט דער פסוק!

זאגן חז"ל (שם): מען דארף קוקן אינעם פי' פונעם תרגום. דער תרגום טייטש אויף דאס ווארט "יום תרועה": **יוֹם יַבָּבָא יְהֵי לְכוֹן**... וועלכע קול איז אַ "יבבא"?

זאגן חז"ל (שופטים ה, כח): די מאמע פונעם גענעראל סיסרא איז געשטאנען ביים פענסטער און געווארט אז איר זוהן זאל זיך צוריקקערן פון מלחמה. ווען זי האט געהערט אז ער איז גע'הרג'ט געווארן, **וַתְּיַבֵּב אֵם סִיסְרָא**", האט זי אנגעהויבן זייער שטארק וויינען... זעהן מיר פון דעם לשון הפסוק אז דאס ווארט "יבבא" מיינט וויינען, א קול פון א מענטש וואס וויינט.

נו, וועלכע קול מאכט א מענטש ווען ער וויינט? אויף דעם קריגן זיך די תנאים. איינער זאגט: **קרעכצן**, דאס קול דארף זיך הערן ווי א מענטש וואס קרעכצט פון ווייטאג, דהיינו א "**שברים**". דער אנדערע זאגט: דאס קול דארף זיין ווי איינער וואס וויינט, קורצע קולות איינע נאך די אנערע, דהיינו א "**תרועה**".

קומט ר' אבוהו און זאגט: וויינען קען אויך מיינען ביידע קולות צוזאמען, דהיינו "**שברים תרועה**", עס זענען דאך דא מענטשן וואס קודם קרעכצן זיי און דערנאך הייבן זיי אן צו וויינען.

ר' אבוהו איז ממשיך: וויבאלד עס איז דא א ספק וועלכע וויינען דער תורה מיינט און כדי עס זאל נישט ווערן אז יעדער קהילה זאל בלאזן אן אנדערע קול[ב], זאל מען בלאזן אלע דריי קולות, דהיינו: **תשר"ת - תש"ת - תר"ת**, אַ סך הכל פון 10 קולות.

לאמיר נישט פארגעסן אז יעדע קול דארף מען בלאזן דריי מאל, דהיינו דריי מאל צען, קומט אויס א סך הכל פון 30 קולות. און דאס איז די דרייסיג קולות וואס מען איז מחויב מעיקר הדין.

## ג- די הונדערט קולות
## וואס ווערט דערמאנט אין תוס'

זאגט תוס' (ד"ה שיעור תרועה שם לג:) בא"ד: דער ערוך זאגט אז עס זענען דא מענטשן וואס זענען מחמיר און בלאזן 100 קולות, 30 גלייך ביים אנהייב נאך די ברכה, 30 ביי שטילע שמו"ע, 30 ביי הויך שמו"ע, און נאך 10 ביי קדיש. (עיי"ש באריכות)

פארוואס פונקט 100? זאגט תוס': **כנגד מאה פעיות דפעיא אימיה דסיסרא**, אנקעגן די 100 זיפצן וואס די מאמע פון סיסרא האט געקלאגט אויף איהר זוהן.

וכן המנהג שלנו, זיך צו פירן ווי דער אר"י הק' און של"ה הק' וואס שרייבט אז מען זאל בלאזן 100קולות ביום ראש השנה. (מטה אפרים סי' תקצ"ב סעיף יא)

**לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין:** נישט נאר דעם עצם ענין פון וויינען לערנען מיר זיך ארויס פון די מאמע פון סיסרא, נאר אויך די סכום פון וויפיל קולות מען מאכט לערנען מיר ארויס פון איר.

**וכאן הבן שואל? וואס איז דער פשט אז אזא הייליגע מצוה פון שופר זאל מען צוגלייכן און ארויסלערנען נישט מער און נישט וויניגער נאר פון אן אראבישע גוי'טע, די מאמע פון סיסרא! פארוואס זאל אונז אנגיין אז זי האט געוויינט און וויפיל זי האט געוויינט?!**

## דער כח פון א טרער!

**כִּשְׁמֹעַ עֵשָׂו אֶת דִּבְרֵי אָבִיו וַיִּצְעַק צְעָקָה גְּדֹלָה וּמָרָה עַד מְאֹד וַיֹּאמֶר לְאָבִיו בָּרְכֵנִי גַם אָנִי אָבִי.** (בראשית כז, לד)

די תורה דערציילט: ווען עשו האט געהערט פון זיין טאטען יצחק אז איינער האט אויסגעכאפט זיינע ברכות, האט ער געשריגן זייער א שטארקע און ביטערע געשריי.

זאגט דער מדרש: **באותה שעה הוריד עֵשָׂו שתי דמעות**, עשו האט דעמאלטס אראפגעלאזט צוויי הייסע טרערן און א דריטע איז געווען אויפן וועג אבער א מלאך האט דאס אפגעהאלטן.[ג]

**פארוואס האט דער מלאך אפגעהאלטן דעם דריטן טרער?** זאגט דער מדרש: צוליב דער ערשטע טרער פון עשו איז חרב געווארן דעם ערשטן בית המקדש, צוליב דעם צווייטע טרער איז חרוב געווארן דעם צווייטן בית המקדש שני. אויב וואלט חלילה ארויס א דריטע טרער, וואלט דאס געשטערט פארן דריטן בית המקדש לעתיד לבא, און עס וואלט חלילה מער נישט געווען קיין האפענונג פאר כלל ישראל, ח"ו.

איר הערט וואס גייט פאר?! עשו הרשע, וואס דער מדרש זאגט אויף אים אז יענע טאג וואס ער איז געקומען צו זיין טאטע יצחק נעמען די ברכות, האט ער עובר געווען אויף פונעף הארבע עבירות[ד]... האבן זיינע הייסע טרערן עושה רושם געווען און חרוב געמאכט די טייערסטע זאך פון זיין ברודער יעקב. פארוואס?

ווייל טרערן וואס קומט פון א צובראכן הארץ גייט ארויף זייער הויך און איז עושה רושם למעלה, נישט קיין חילוק אויב עס קומט פון א צדיק אדער חלילה א רשע. דער חילוק איז נאר אז ביי א צדיק איז דאס משפיע גוטס און ביי א רשע איז דאס משפיע שלעכטס.

דער וואונדער גייט נאך מער און מער. ווער איז דער וואס קריגט זיך מיט עשו'ס טרערן? דערציילט אונז די גמרא אין ברכות (נט.): **בשעה שהקב"ה זוכר את בניו שרויים בצער בין אומות העולם מוריד שתי דמעות לים הגדול וקולו נשמע מסוף העולם ועד סופו...** דער

---

ב עי' חינוך מצוה תה'

ג **ותשקמו בדמעות שליש.** אמר רבי אלעזר: שלש דמעות הוריד עשו מעיניו, אחד מעינו של ימין, ואחד מעינו של שמאל, והשלישית היתה קשורה בעינו, שנאמר: **ותשקמו בדמעות שליש**, "שלש" אינו אומר אלא **שליש**. (ילקוט שמעוני תהילים פ רמז תתכח)

ד בא על נערה המאורסה, הרג את הנפש, כפר בעיקר ובזה את הבכורה ועוד שתאב מיתת אביו וביקש להרוג את אחיו.

אייבערשטער אליין פארגיסט טרערן.

ואולי קען אפשר זיין אז די צוויי דמעות זענען אנטקעגן די צוויי דמעות פון עשו הרשע...

## הֶאֱכַלְתָּם לֶחֶם דִּמְעָה וַתַּשְׁקֵמוֹ בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ.

(תהלים פ, ו)

**וַתַּשְׁקֵמוֹ בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ...** זאגט דער ילקוט שמעוני (תהילים פ רמז תתכח): רבי אמר, ואית דאמרי משמיה דרבי שמלאי, די אידן האבן געזאגט פארן אייבערשטער, "רבונו של עולם, אין זכות וואס עשו האט אראפגעלאזט נאר דריי טרערן, האט ער געוועלטיגט מסוף העולם ועד סופו און דו האסט אים געגעבן פרידן בעולם הזה."

"**הֶאֱכַלְתָּם לֶחֶם דִּמְעָה...** וואס וועט זיין מיט אונז? אונזערע טרערן זענען יום ולילה, אזוי אפט ווי מען עסט ברויט, **על אחת כמה וכמה שתמלא עלינו רחמים**...

## די מאמע פון סיסרא וויינט...

מיט אט דעם יסוד, קען מען פארשטייען דעם ענין פון די מאמע פון די גענעראל סיסרא. די פסוקים אין שופטים דערציילט אז זי איז געוועזן זייער זיכער אז איר זוהן וועט געווינען די מלחמה מיט די אידן אין זייער א קורצע צייט, ווי זיין שטייגער איז געוועזן אז זיינע מלחמות האבן נישט געדויערט מער ווי 4-5 שעה. ווען עס איז שוין אדורך זעקס שעה, האט זי אנגעהויבן זיך זארגן אויף איר זוהן און זיך געזעצט ביים פענסטער צוווארטן ווען ער קומט שוין צוריק פון די מלחמה.

פלוצלינג, האט זי באקומען די בשורה אז אלעס איז דערנאך! די כנענים האבן דערלייגט די מלחמה און די אידן האבן גע'הרג'ט איר מעכטיגן זוהן!

זאגט דער פסוק: **וַתְּיַבֵּב אֵם סִיסְרָא**, זיין מאמע האט אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען. א קרעכץ נאך א קרעכץ, א טרער נאך א טרער, האט זיך אראפגעלאזט פון איר אויגן.

איינער וויינט ביטערליך. דער אייבערשטער האט געשיקט א מלאך אפצוציילן יעדע טרער וואס האט זיך אראפגעקייקלט, ווייל קיין שום טרער גייט נישט לאיבוד! דער מלאך האט געציילט איינס, צוויי... צוואנציג... פופציג... ביז הונדערט! הונדערט הייסע טרערן זענען ארויס פון זיין מאמע.

די טרערן האבן אנגעמאכט א קיטרוג אין הימל! דער מדת הדין איז געקומען און געשריגן אז די אידן זענען עתיד לטלות את הדין, זיי האבן גע'הרג'ט סיסרא!

דערפאר, בלאזן מיר 100 וויינעדיגע קולות ביום ראש השנה כדי צו מבטל זיין די קיטרוג פון אירע 100 קרעכצן!

**אבער פארוואס דארף דאס זיין יעדע יאר פון דאסניי?** זענען די מפורשים מסביר: מיטן בלאזן שופר כהיום בכל שנה ושנה, טוהן מיר מעורר רחמים זיין און זיך בעטן ביים טאטען אין הימל, "רבונו של עולם, די גוי'טע האט נאר איין מאל אראפגעלאזט הונדערט אכזריות'דיגע טרערן, (ס"ה האט איר זוהן געוואלט הרג'ענען,) דאך האט מען אפגעציילט יעדע איינציגע טרער." בעטן מיר, "טאטע אין הימל, **הֶאֱכַלְתָּם לֶחֶם דִּמְעָה...** קוק אויף אונז, אונזערע טרערן רינען נאכאנאנד בייטאג און ביינאכט אזוי אפט ווי מען עסט ברויט, **על אחת כמה וכמה שתמלא עלינו רחמים**[ה]...

**דעם ענין פון תקיעת שופר לערנען מיר זיך ארויס פון א גוי'טע, די מאמע פון סיסרא, ווייל דייקא דאס טוט אונז פיל מער מעורר רחמי שמים זיין, "מאדיך אויף א רשעות'דיגע גוי'טע האט מען רחמנות, על אחת כמה וכמה, אויף זרע ברך ה', ווי שטארק דארף מען זיך מרחם זיין אויף אונז ווען מיר וויינען."**

~

אמר רבי אלעזר מיום שחרב בית המקדש **ננעלו שערי תפלה**... ואף על פי שננעלו שערי תפלה, **שערי דמעות לא ננעלו**, שנאמר שמעה ה' תפלתי ושועתי האזינה אל דמעתי אל תחרש. (בבא מציעא נט א)

רבי אלעזר זאגט: על אף וואס אנדערע טויערן זענען טיילווייז פארמאכט געווארן, זענען די טויערן פון טרערן קיינמאל נישט פארמאכט געווארן. **פארוואס?**

**ווייל ווען איינער וויינט, צייגט אז זיין אינערליכע כח איז יעצט אינגאנצן בטל געווארן.** ווייל כל זמן וואס א מענטש האט נאך א שטיקל אינערליכע כוח וואס טוט אים באשיצן, קען ער זיך נאך עטוואס איינהאלטן. אבער ווי נאר דער כח פאלט אויף צוזאם, פלאצט דער מענטש אויס אין א ביטערליכע געוויין, כלומר, **"דאס איז עס, איך בין אונטערגעבראכן!"**[ו]

**די צוויי גרויסע לייבן, עשו הרשע און די מאמע פון דעם גרעסטן גיבור, ווען דער געוויין איז געקומען, האבן זיי זיך געשפירט הילפלאז און אויס-מענטש. דאס איז עס "איך בין אונטערגעבראכן!"**

**כל זמן וואס דער מענטש האט נאך א שטיקל אינערליכע כוח וואס טוט אים באשיצן, קען ער זיך נאך עטוואס איינהאלטן.**

**אבער ווי נאר דער כח פאלט אויף צוזאם, פלאצט ער אויס אין א ביטערליכע געוויין, כלומר, "דאס איז עס, איך בין אונטערגעבראכן"!**

און דאס איז דער כח פון א געוויין! דער מענטש איז בטול ומבוטל, ער שטייט יעצט מיט א צובראכן הארץ און וויינט, **ולב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה.** און ווען דער ביטול האמיתי קומט צוזאמען מיט א ווארימע תפילה, "איך ווייס אז איך בין גארנישט, דערפאר קום איך זיך בעטן ביי דיר ווי א קינד וואס בעט פון זיין טאטען. איך ווייס אז איך קען

[ה] כעי"ז הובא בספר "תורת זהב", **מבשם** הגאון רבי אייזיק שער זצ"ל (ר"י סלאבודקא)

[ו] עי' דברי מהר"ל שם בב"מ נט.

"גארנישט און דו קענסט אלעס!" דעמאלטס אודאי און אודאי, איז מען בוקע רקיעים!

זאגט דער זוה"ק: **וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה**, וואס פאסירט תיכף? **וַתַּחְמֹל עָלָיו**, מען האט רחמנות. פארוואס? ווייל אראפלאזן טרערן איז א גרויסע סגולה אז דער תפילה זאל אנגענומען ווערן. (אלף המגן, מטה אפרים תקפ"ב, כח.) און אזוי אויך געפונען מיר אינעם זוה"ק (שמות, ח"ב, דף כ ע"א), **תנו רבנן**: דער וואס דאווענט און וויינט און שרייט ביז ער קען שוין נישט ריקן זיינע ליפן, **זוהי תפילה שלימה, שהיא בלב, ולעולם אינה חוזרת ריקה.**

## א תפילה וואס קומט פון טיפן הארצן וועט קיינמאל נישט צוריקקומען ליידיג!

די תורה הק' זאגט אונז אין פרשת ויצא: **וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת, וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה**. צו קען דען זיין אז מען זאל חלילה אזוי שטארק פארשעמען לאה?

זאגן די ספרים הק': אודאי נישט. נאר אדרבא, דאס איז גאר א כבוד פאר איר. פארוואס זענען אירע אויגן געווען רויט? זאגט רש"י בשם די מדרש: **שהיתה סבורה לעלות בגורלו של עשו "ובכתה"**, לאה האט געוויינט און געדאווענט א לאנגע צייט ביז אירע תפילות האבן בוקע רקיעים געווען און זי האט אויסגע'פועל'ט אז נישט נאר זי האט חתונה געהאט דער ערשטע מיט יעקב און געהאט קינדער מיט אים, נאר זי האט אויך באקומען מער פון די שבטים און ועל כולם, זוכה געווען צו ליגן נעבן יעקב אבינו אינעם מערת המכפילה.[ז]

**להורות לנו, אז תפילה מיט א געוויין קען אלעס איבערדרייען.**

דערפאר, זאגט דער אר"י הק', "**נוהגין לבכות ולהוריד דמעות בתפילת ראש השנה ויום הכיפורים, אף כשחל בשבת**".

אין די הייליגע טעג, ווען מיר זיצן אין שוהל און זענען מרבה בתחנונים, ווי אזוי קענען מיר מקדם זיין און מזרז זיין אונזערע תפילות אז עס זאל ארויפגיין זייער הויך? מען לייגט צו אפאר טרערליך! און ווען א תפילה קומט מיט טרערן, גייט דאס נישט אדורך די טויערן וואס קענען צומאל זיין פארשלאסן, נאר דורך די טויער וואס איז קיינמאל פארשלאסן!

**משל למה"ד:** א מענטש וואס שטייט ביים גרעניץ און ווארט אריינצוגיין אין לאנד. ער ציטערט אויב מען גייט אים אריינלאזן. דער וועכטער שטייט ביים טיר מיט בייזע בליקן און בעט אים זיין פאספארט. דער מענטש וויל בשום אופן נישט צוריק געשיקט ווערן, וואס טוט ער? ער לייגט אריין אפאר דאללער אינעם פאספארט אז ווען דער וועכטער וועט דאס עפענען, וועט ער גלייך געפונען דאס שוחד.

וכך הוי, די גרינע דאללארן האבן אויפגעטוהן זייערס און דער פאספארט איז געסטעמפלט געווארן פאר אלע אנדערע.

**א תפילה וואס איז ארומגענומען מיט טרערן, פארט באלד אדורך אלע טויערן... פארוואס? ווייל דאס איז דער שטערקסטע סימן פון א לב נשבר!**

דערפאר זאגט דער של"ה הק': אפילו איינער וואס האט א לב קשה און קען נישט אזוי גרינג וויינען, זאל כאטש מאכן דעם קול ווי איינער וואס וויינט, **כִּי שָׁמַע ה' "קוֹל" בִּכְיִי** (תהלים ו). דער אייבערשטער הערט דעם "קול" פון וויינען כאטש וואס ער וויינט נישט באמת, **ווייל דער עיקר איז דעם צובראכן הארץ.**

## פארוואס האט דער כה"ג געוויינט?

חז"ל זאגן אין מסכת יומא: איידער דער כה"ג האט אנגעפאנגן זיין עבודה ערב יום הכיפורים, האבן די שליחי בית דין אים באשווארן, "**שלא תשנה דבר מכל מה שאמרנו לך**, דו זאלסט חלילה גארנישט משנה זיין פון וואס מיר האבן דיר געלערנט." זאגט דער משנה: **הוא פורש ובוכה, והן פורשין ובוכין.** דער כה"ג איז אוועקגעגאנגען וויינענדיג, אז מען האט אים חושד געווען פאר א נישט-ערליכער און די שלוחים האבן געוויינט אז זיי האבן אים חושד געווען.

**לכאורה איז שווער צו פארשטיין**, פארוואס האט דער כה"ג געוויינט? האט ער דען נישט געוואוסט אז דאס איז געווען דער סדר פאר יעדן כה"ג? מען האט אים דאך נישט געמיינט פערזענדליך!

ווען די שלוחי בי"ד האבן געזעהן דעם כה"ג וויינען פון די טיפעניש פון זיין הארץ,

האבן זיי פארשטאנען אז דא רעדט מען פון אן אמת'ער ערליכער כהן גדול.

זאגט דער עיני יצחק (פי' על עין יעקב, מסכת יומא שם): דער געוויין פונעם כה"ג איז אודאי נישט געווען א פרטיות'דיגע געוויין אז מען מיינט אים פערזענדליך, ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז נישט אים מיינט מען דא. אויב וואלטן זיי אים חושד געווען, וואלטן זיי אים דאך קיינמאל נישט גענומען פאר א כה"ג. נאר זיין געוויין איז געווען א כלליות'דיגע געוויין, א געוויין אויפן מצב הדור. "**כלומר אוי לדורנו זה, מה שעלתה לנו שנתרבו הצדוקים כ"כ עד שגם הכה"ג לא יצא מדי חשד**, ווי איז פאר אונזער דור וואס די צדוקים (די עוברי עבירה) האבן זיך אזוי שטארק פארמערט, עד כדי כך אז דער חשוב'סטע פון כלל ישראל, דער כה"ג אליין, איז מען שוין אויך חושד אז אפשר איז ער א צדוקי!"

דערפאר, ווען די שלוחי בי"ד האבן געזעהן דעם כה"ג וויינען פון די טיפעניש פון זיין הארץ, האבן זיי פארשטאנען אז דא רעדט מען פון אן אמת'ער ערליכער כה"ג. ווייל אויב נישט, וואלט אים נישט אנגעאנגען אז מען איז אים חושד, ווייל ער ווייסט סיווי אז באמת מיינט מען נישט אים פערזענדליך. אלא מאי, מוז זיין אז באמת איז ער א צדיק און דער מצב הדור איז דאס וואס שטערט אים, דערפאר **הם**

[ז] ועי' במדרש רבה, אמר רב הונא: קשה היא התפילה שבטלה את הגזירה, ולא עוד אלא שקדמה לאחותה.

**פורשים ובוכים**, האבן די שלוחים אנגעהויבן וויינען אז זיי האבן מצער געווען און חושד געווען אן ערליכן מענטש.

אבער אויב זיי האבן נישט געזעהן דעם כה"ג וויינען, אדער מען האט דערקענט אז זיין געוויין איז נישט געקומען פון די טיפעניש פון זיין הארץ, האבן זיי טאקע אויך נישט געוויינט, ווייל אזא איינער, אפילו אלץ ספק, מעג מען יא חושד זיין.

מיט דעם, קען מען גוט פארשטיין די הייליגע ווערטער פונעם של"ה הק': **ומי שאין בכיה נופלת עליו בימים האלה, הוא הוראה שאין נשמתו הגונה ושלמה**, איינער וואס האט נישט דעם צובראכן הארץ אין אזעלכע הייליגע טעג, עס כאפט אים נישט אן קיין ציטער ביז זיין הארץ פלאצט אויס פון זיך אליין אין א געוויין אדער לכה"פ ער מאכט נישט דעם קול פון א געוויין, צריך בדיקה אחריו.

לאמיר מאכן א ס"ה...

## דער שופר מיט אירע תקיעות לערנען אונז!!

מען דארף בלאזן מיט א שופר כפוף, ווייל אין די הייליגע טעג דארף האבן אן איינגעבויגענע צובראכן הארץ. מיר בלאזן **תשר"ת תש"ת תר"ת**, א קול פון קרעכצן און געוויין, ווייל אין די הייליגע טעג רעדן מיר ווי מער דעם הארץ שפראך, אן אינערליכע קול וואס בעט זיך פון טיפעניש פון הארצן, "טאטע, מיר ווילן זיין נאנט צו דיר. איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטוהן און פון יעצט און ווייטער, וועל איך שוין זיין גוט."

דער הייליגער אור המאיר זאגט (ראש השנה): דער ענין פון בלאזן איז "**שבני ישראל משמיעים קול בלי משמעות, לפי שלבבם שבור ונדכה, ואינם יודעים איך להתפלל ולדבר לפני בוראם**".

דערפאר, דייקא דורכ'ן שופר, פאסירט דעם וואונדער אז **הקב"ה יושב מכסא דין ויושב על כסא רחמים... ומתמלא עליהם רחמים** (פיסקתא דרב כהנא פיסקא כג). ווייל דעמאלטס רעדן מיר אן אנדערע שפראך, דעם הארץ שפראך.

דערפאר זאגן די ספה"ק: בשעת תקיעת שופר קען מען זיך אויסבעטן אלעס גוטס, ווייל דעמאלטס איז דער צייט פון געוויין. אבער נישט נאר א געוויין וואס קומט פון א מענטש'ס הארץ, נאר אויך צוזאמען מיט א געוויין וואס קומט פונעם הייליגן שופר.

אזוי אויך, דארף דער געוויין פונעם שופר אונז צוריק מעורר זיין צו דעם לב נשבר. דהיינו, נישט נאר דער שופר זאל וויינען, נאר מיר זאלן אויך קענען וויינען און אראפלאזן טרערן בעת ווען מיר דאווענען צום הייליגן בורא כל עולמים במשך פון די הייליגע טעג. ווי אזוי? דורך אונזער אמת'ע צובראכן הארץ.

~

## דריי מאל **תשר"ת תש"ת תר"ת** איז אונזער מאמע שרה'ס געוויין.

דער פרקי דר"א שרייבט (פרק לב): ווען אברהם איז צוריק געקומען פון הר המוריה, האט זיך דער שטן זייער געערגעט אז ער האט נישט געקענט אויספירן זיין רצון צו אפהאלטן אברהם פון מקריב זיין א קרבן. וואס האט ער געטוהן?

ער איז געגאנגען צו דעם מאמע שרה און געזאגט, "**איי שרה, האסט נישט געהערט וואס טוט זיך אויף דער וועלט?!**" "ניין", זאגט זי פארן שטן. זאגט דער שטן צו איר, "דו ווייסט נישט אז דיין אלטער מאן האט גענומען דיין יונגן קינד יצחק און אים מקריב געווען פאר אן עולה?! און נעבעך, דאס קינד האט אזוי געוויינט, ער האט זיך נישט געקענט ארויס ראטעווען..."

זאגט דער מדרש ווייטער: **מיד התחילה בוכה ומיללת, בכתה שלש בכיות כנגד שלש תקיעות, שלש יללות כנגד שלש יבבות, ופרחה נשמתה ומתה.** דער הייליגע מאמע שרה האט אויסגעהויעכט איר נשמה מיט דריי טרערן, דריי קרעכצן פון געוויין...

און אט דער געוויין, דאס ברענגט רפואות אין ישועות פאר אירע קינדער און אייניקלעך, יאר נאך יאר. די דריי הייליגע טרערן שטייען פאר אונז שטענדיג און שטופן אוועק די הונדערט פאלשע גוי'שע טרערן!

## דער משכיל וויל אויך בלאזן נאר ראש השנה

**דער מגיד ר' יעקב גאלינצקי זצ"ל דערציילט:** אינעם שטאט פוזנא, ווי דער גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל האט געוואינט, איז ליידער שטארק פארשפרייט געווארן דעם ענין פון השכלה און אסאך אידן זענען ליידער פארכאפט געווארן מיט די פאלשע אמונה. צווישן די וואס זענען פארכאפט געווארן, איז געווען דער לאנג-יעריגן בעל תוקע אינעם שטאטישן שוהל. דער עולם האט געוואוסט זיין מצב און זיך באקלאגט פארן רב. ווען די טענות האבן זיך פארמערט, האט דער רב באשלאסן מעביר צו זיין דעם בעל תוקע פון זיין אמט.

דער לאנג-יעריגן בעל תוקע, נישט קענענדיג אראפשליגן דעם בזיון, איז זיך געגאנגען אפרעדן פארן מושל העיר, "איר הערט א חוצפה! וויבאלד איך האלט נישט פונקט ווי זיי, איך בין אביסל מער פארגעשריטן, האט מיר דער רב גע'פסל'ט פון בלאזן, הגם איך בין דער זעלבע שומר תורה ומצות. וואו איז דער יושר?!"

דער מושל הערט און זאגט, "יא דאס קוקט אויס צו זיין א געפערליכע עוולה!" ער רופט דעם רב און בעט אים אן ערקלערונג אויף זיין אקט.

דער רב ענטפערט, "אדוני המושל, דער מענטש איז א כפוי טובה! נישט נאר אז איך האב אים נישט אוועקגעשטופט פון זיין אמט, האב

איך אים נאך ארויפגעברענגט א דרגה העכער! זאל מיר דער האר אליין זאגן, וועלכע טאג איז דער הייליגסטער טאג ביי די אידן?"

"יוה"כ אודאי! ווער ווייסט דען נישט?!" רופט זיך גלייך אן דער מושל.

זאגט דער רב ווייטער, "צו ווייסט אויך דער מושל ווען איז דער שפיץ פון דעם הייליגן טאג? דאס איז פארנאכטס סוף טאג ביי תפילת נעילה. און איר ווייסט ווען איז דער שפיץ פון דעם מורא'דיגע תפילה? דאס איז ממש ביים סוף ווען מיר בלאזן שופר. און אט מיט די תקיעות האב איך אים מכבד געווען! און ער האט נאך טענות?!"

דער מושל ווערט אינגאנצן נתפעל, "אזוי! אנטשולדיגט טייערע רב, איך האב דאס נישט געוואוסט! זייט מיר מוחל אז איך האב אייך אזוי חושד געווען און מטריח געווען... אנטשולדיגט!"

דער מושל רופט שנעל צוריק דעם אמאליגן בעל תוקע און שרייט אים אן, "דו האסט מיר נישט געזאגט אז מען האט דיר געשטעלט בלאזן די תקיעות וואס די אידן בלאזן ביים סוף פונעם הייליגן טאג יוה"כ, ביים סוף פונעם חשוב'סטן תפילה?! אזא כיבוד!"

דער איד ווייסט נישט צו ער זאל וויינען אדער לאכן, וואס זאל ער מסביר זיין דעם גוי? צו וועט דער גוי בכלל פארשטיין אז די תקיעות פון ר"ה איז א דאורייתא, א מצוה מה"ת, משא"כ דער תקיעות פון יוה"כ ביי נעילה איז נאר אלץ א מנהג? דער גוי קען דאס נישט פארשטיין!

דער איד געבט זיך שנעל אן עצה און איז מסביר פארן מושל, "אך, די צוויי זענען בכלל נישט קיין פארגלייך. ראש השנה בלאזט מען 100 קולות, משא"כ ביים סוף טאג יוה"כ בלאזט מען נאר עטליכע תקיעות." טראכטנדיג ביי זיך אז דאס קען א גוי אויך פארשטיין.

דער מושל געבט באלד א מאך אוועק מיט זיין האנט און זאגט, "נאר דאס?! אך, דאס איז נישט קיין פראבלעם! איינמאל דו האלטסט דעם שופר, קענסטו בלאזן וויפיל דו ווילסט!" (בספרו של המגיד ר' יעקב גלינסקי, והגדת אלול ור"ה דף 282)

**לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין, איר הערט וואס דא גייט פאר!!**

אפי' א משכיל, וואס פארדרייט די תורה ווי אזוי ער וויל, אעפ"כ וויל ער אויך נאר בלאזן 100 קולות ווען עס טוט עפעס אויף! **צו בלאזן 100 קולות, אבי געבלאזן, זאל עס זיין אפי' אינעם הייליגסטן טאג פון יאר, אויף דעם איז דער משכיל אויך נישט גרייט געווען!**

דאס זעלבע זאגן מיר, "וויינען א גאנץ יאר צום אייבערשטען איז זייער חשוב, וויינען ביים דאווענען איז חשוב'ער, וויינען ימים נוראים ביים דאווענען איז נאך פיל חשוב'ער, אבער וויינען ביי תקיעת שופר איז עולה על כולם..."

## לאמיר טאקע זוכה זיין!

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שׁוֹמֵעַ קוֹל בְּכִיוֹת שֶׁתָּשִׂים דִּמְעוֹתֵינוּ בְּנֹאדְךָ לִהְיוֹת וְתַצִּילֵנוּ מִכָּל גְּזֵרוֹת אַכְזָרִיּוֹת כִּי לְךָ לְבַד עֵינֵינוּ תְלוּיוֹת.**

## צידה לדרך

דער הייליגער קדושת לוי האט אמאל געזאגט
פאר תקיעת שופר:

"רבש"ע! דו האסט געשריבן אין דיין תורה איין פסוק "**יום תרועה יהיה לכם**", און צוליב דעם בלאזן אידישע קינדער טויזנטע תקיעות. 100 תקיעות יעדעס יאר, יאר נאך יאר, טויזנטע יאר שוין וואס מיר בלאזן די תקיעות."

"**רבש"ע**, מיר בעטן דיר, געב אונז נאר איין תקיעה "**תקע בשופר גדול לחירותינו**". בלאז שוין דעם איין תקיעה גדולה און נעם אונז שוין אהיים!"

### פארוואס האט רבי סעדיה גאון תשובה געטוהן?

דער גרויסער גאון, רבי סעדיה גאון איז אמאל געווען אונטערוועגנס און איינגעשטאנען ביי א בעה"ב, אן איש מכובד. דער איד האט זיך זייער געפריידט אז דער גאון איז געקומען איינשטיין ביי אים אין שטוב. יעדן טאג וואס דער גאון איז דארט געווען, האט דער בעה"ב אים מכבד געווען מער און מער. למשל, אויב דער ערשטע טאג האט ער אים סערווירט מיט צוויי סארטן געקעכטס און צוויי מיני פירות, האט ער דעם נעקסטן טאג אים סערווירט מיט דריי סארטן געקעכטס און דריי מיני פירות. א טאג דעראויף פיר סארטן און אזוי ווייטער, יעדן טאג האט דער איד מוסיף געווען מער און מער כבוד מיט עסן.

דער גאון האט זיך זייער געוואונדערט אויף די אויפפירונג פון דעם בעה"ב. דאס איז דאך ממש אנדערש פון דעם סדר העולם, ווייל נארמאל פירט זיך א מענטש פונקט פארקערט. דעם ערשטן טאג, ווען די שמחה איז נאך פריש און זייער גרויס, סערווירט מען זייער אסאך און מען איז פארנומען מיטן גאסט די מערסטע וואס איז שייך. ווי א טאג גייט פאראיבער און מען ווערט מער און מער צוגעוואוינט צום גאסט, ווערט די אויפנאמע אלץ פשוט'ער און פשוט'ער. אבער דא זעהט דער גאון פונקט פארקערט. ווי א טאג עס גייט אריבער, ווערט די אויפנאמע פיל מער און מער. וואס איז פשט?

זעענדיג די וואונדער פונעם גאון, האט אים דער בעה"ב מסביר געווען, "רבי, דעם ערשטן טאג וואס איך האב אייך מכבד געווען, איז מיין רצון אייך צו מכבד געווען געבויט בלויז אויפן שמועה אז איר זענט א גרויסע מענטש. פארדעם, האב איך אייך מכבד געווען לפי מיטיב השגתי. אבער ווי א טאג עס גייט אריבער און איך אליין בין זוכה צו זעהן אייער הייליגע עבודה אין מיין שטוב, הייב איך אן מער און מער מכיר צו זיין אייערע אמת'ע גרויסקייט און חשיבות. דערפאר, בין איך מכבד דעם גאון יעדן טאג מער און מער ווייל יעדן טאג ווערט מיר אנטפלעקט נאך און נאך...

ווי נאר דער גאון איז אנגעקומען צוריק אהיים ביי זיך אין שטוב, האט ער זיך זייער ציוויינט און גוזר געווען אויף זיך א תענית פאר פערציג טעג. די תלמידים, נישט וויסנדיג וואס דא איז געשעהן, האבן אנגעפרעגט ביים רבי'ן, "וואס האט פאסירט?" האט דער גאון מסביר געווען, "איך האב יעצט דערהערט א מושג וואס איך האב נישט געוואוסט ביז יעצט!"

**"איך דארף יעצט תשובה טוהן אויף מיינע זינד וואס איך האב געזינדיגט פארן בורא כל עולמים ביז יעצט. ווייל יעדן טאג וואס איך לערן, בין איך דאך מער און מער משיג בכבודו יתברך. ווי מער איך בין משיג, אלץ מער דארף איך מוסיף זיין אין מיין עבודה, תורה און מצוות. דערפאר, דארף איך תשובה טוהן אויף דאס וואס איך האב נישט מוסיף געווען פיל מער אין מיין עבודה ביז היינט."**